## ווי אַזוי שפּרינגט אַרײַן דער ביער-חמץ אין תּקיעת-השופּר?





נאָר בײַם הייליקן בערדיטשעווער איז געווען מעגלעך אַזאַ מין אויפֿטו.
מהר"ש פֿון ליובאַוויטש האָט פֿאַרציילט אַן עובֿדה וואָס האָט זיך געטראָפֿן בײַם רבין.
רבי לוי-יצחק האָט ראָש-השנה זיך אָפּגעשטעלט נאָך די תּקיעות און איידער ער איז צוגעגאַנגען צום עמוד דאַוונען מוסף האָט ער אויסגערופֿן נאָכן "יהי רצון שכּל המאלכים היוצאים מהתּקיעות, מהשבֿרים, ומהתּרועות א.א.וו..." בזה הלשון:

*"זיסער טאַטע, דערבאַרעמדיקער טאַטע, אויב די מלאכם וואָס זענען אַרויס פֿון תּקיעות-השופּר פֿון רבי לוי-יצחק בן שׂרה-סאַשע זענען שוואַך, דעמאָלט וועלן צו זיי צושטיין די שטאַרקע און הייליקע מלאכים וואָס ווערן געשאַפֿן דורך דער מי, יגעה און האָרעוואַניע פֿון ייִדישע קינדער ערבֿ-פּסח בײַם קראַצן, רײַבן, שײַערן צו מבֿער זײַן דעם חמץ. און אויף ייִדיש זענען זיי אויך ר"ת קשר"ק: קראַצן, שײַערן, רײַבן, קאַשערן."*

אין זכות פֿון די ייִדישע ווײַבער האָבן זיך געשאַפֿן פֿרישע מלאכים, זאָלן זיי זײַן אַ מליץ-יושר!



ר בי שמואל שניאורסאָהן
תּקצ"ד - תּרמ"ג, דער פֿערטער רבי פֿון ליובאַוויטש "דער מהר"ש".



דער ציון פֿון רבי לוי-יצחק (תּ"ק - תּק"ע) אין דעם
אַלטן בית-החיים פֿון דער שטאָט בערדיטשעוו